**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/2/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט פלענער פאר די 21 מיליאן דאלערדיגע ׳בראון סוואן׳ רעזארט אויף שרון לעיק אין עסעקס קאונטי**

***פראיעקט געשטיצט דורך 4.1 מיליאן דאלערדיגע גרענט פון נארט קאנטרי׳ס אָפסטעיט אויפלעבונג איניציאטיוו***

***פירט פאראויס ראיאנישע סטראטעגיע פון שטיצנדע קווארטיר און טוריזם אינפראסטרוקטור***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אויסגעמאלדן אז ׳ספרינג סיטי׳ דעוועלאָפּמענט גרופּע, אן אפטיילונג פון ׳באנאציא׳ קאנסטרוקציע אינק.׳, פלאנירט אויף צו אינוועסטירן באלד 21 מיליאן דאלער איינצושאפן, רענאווירן און אויפלעבן דעם געוועזענעם ׳בראון סוואן׳ קלוב אויף די ברעגעס פון שרוּן לעיק אין דעם טאון שרוּן, עסעקס קאונטי. די עקזיסטירנדע געביידע, געבויט אין 1917, וועט איבערגעבויט ווערן אויף דעם ׳בראון סוואן׳ רעזארט, א פרעמיערע אדיראנדעק דעסטינאציע, א פלאנירטע 121 גאסט צימערן אריינגערעכנט 69 געווענטליכע צימערן, 25 סוויטעס, ניין סעזאנעלע שאלעטס, אכט הייזקעס און 10 גלעמפינג ערטער. דער רעזארט וועט אנטהאלטן א 10,000-סקווער-פיסיגע ערשטראנקיגע רעסטוראנט און ברייטע אינעווייניגע און אינדרויסנדיגע באקוועמליכקייטן פאר געסט ווי צום ביישפיל מיניעטשור גאלף, מולטי-צוועקיגע ספארט הויפן און גאסט שווימען ערטער מיט דאקס און א טעראסע.

״אזוי ווי מיר זעצן פאר ווייטער זיך צוריקצובויען פון דער פאנדעמיע, איז העכסט-נייטיג אז מיר זאלן שטיצן טוריזם אין יעדע ווינקל פון ניו יארק סטעיט צו העלפן טרייבן עקאנאמישע אויפשטייג,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״איך בין שטאלץ צו שטיצן דעם ׳בראון סוואן׳ רעזארט אויף שרוּן לעיק, וואס וועט צוציען מענטשן פון איבעראל אויף צו באזוכן דער אדיראנדעק קאמיוניטי. די סארטן פראיעקטן שיקן א קלארע מעסעדזש צו דער וועלט: ניו יארק איז צוריק, און מיר נעמען אייך אויף מיט ברייטע ארעמעס."

ספּרינג-סיטי דעוועלאָפּמענט האט זיך אנגעשלאסן מיט סאני און דזדשולי באנאציאו און אנדרעא קריסאפולי און עלען אייערס אויף איינצושאפן און אויפלעבן דעם ׳בראון סוואן׳ קלוב, וועלכס האט צום לעצט געדינט אלס דער ׳וואָורלד אָוו לייף׳ לאָדזש. דער רעזארט׳ס טאג-טעגליכע אפעראציעס וועלן געהאנדלט ווערן דורך האי קריעק האטעלס, א גאר אנגעזעענע האטעל אפערירער באקאנט פאר איר אייגנארטיגע און בוטיק אויטענטישע און ארטיג-אינספּירירטע גאסט דורכלעבענישן ביי 32 לאקאציעס לענגאויס די פאראייניגטע שטאטן.

**סאני באנאציא, פרעזידענט פון באנאציא קאנסטרוקציע אינק., האט געזאגט,** ״דער ארט איז אן אבסאלוט בריליאנט שטיין. כאטש ברייטע אָפּדעיטס און אָפּגרעידס זענען פארלאנגט אלס טייל פון דעם פראיעקט קענט איר נישט געפונען קיין בעסערן ארט. מיר זוכן שוין ארום אין דעם געגנט אויף א ווײַלע צו שאפן אזא סארט פראיעקט, כדי אז ווען די געלעגנהייט שטעלט זיך פאר, קענען מיר נישט גענוג שנעל

צושטימען! מיר זענען גאר דערהייטערט צו ארבעטן מיט אנדרעא און עלען און דער האי קריעק מאנשאפט צו ברענגען אונזער געמיינזאמע בליק צו דער ווירקליכקייט.״

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ פרעזידענטקע, CEO און קאמיסיאנערין האופ נייט האט געזאגט,** ״טראנספארמירן די איקאנישע רעזארט וועלן אויפנעמען איינוואוינער און באזוכער צו שרון לעיק, שטיצנדיג די ארטיגע און ראיאנישע טוריזם עקאנאמיעס. די אויפגעלעבטע ׳בראון סוואן׳ רעזארט וועט ווייטער פירן די ראיאן׳ס פלענער צו מאכן וואקסן די טוריזם עקאנאמיע דורך אויסניצן די נאטורליכע שיינקייט פון דעם לעיק און שאפן א דעסטינאציע וואס לאדנט איין געסט צו עקספלארירן און דורכלעבן די ארומיגע קאמיוניטיס.״

דער סטעיט׳ס אינוועסטירונג אין דעם ׳בראון סוואן׳ רעזארט דערגאנצעט גאווערנער האוקול׳ס 450 מיליאן דאלערדיגע ׳ברענגט צוריק טוריזם, ברענגט צוריק דזשאָבס׳ אריינגעמיגע ערהוילונגס פעקל צו שטיצן ניו יארק סטעיט'ס שווערסט-באטראפענע טוריזם סעקטאר ארבעטער, צוריק אויפלעבן די סטעיט'ס טוריזם אינדוסטריע און שטיצן ביזנעסער וועלכע האבן זיך געעפנט קורץ בעפאר אדער בשעת דער פאנדעמיע. די אויספירליכע סטראטעגיע שטיצט אומבאשעפטיגטע ארבעטער און אנגעשטרענגטע ביזנעסער אין דער קריטיש-וויכטיגער טוריזם אין גאסט-פריינטליכקייט סעקטאר, וועלכס איז געווען ניו יארק׳ס דריט-גרעסטער אינדוסטריע בעפאר דער פאנדעמיע. אין צוגאב, האט דער נארט קאנטרי ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל ספעציפיש געצילט קווארטיר אנטוויקלונג און אינוועסטירונגען אין טוריזם אינפראסטרוקטור אין די ׳טאוזענד איילענדס׳ און אדיראנדעק ראיאנען צו פארברייטערן און שטיצן דעם ארט׳ס בליענדער גאסט-פריינטליכקייט עקאנאמיע. די אדיראנדעקס זענען באקאנט פאר זייער נאטורליכע שיינקייט, ערשטראנקיגע אינדרויסנדיגע פארוויילונג, היסטאריע און פאמיליע-צוגעפאסטע אקטיוויטעטן. דורך שטיצן פראיעקטן וועלכע אדרעסירן קווארטיר קאפאציטעט, טוען ניו יארק סטעיט׳ס אינוועסטירונגען דערגאנצען ראיאנישע טוריזם באמיאונגען און מוטיגן מער באזוכער צו אויסזוכן קלענערע קאמיוניטיס אין דעם ראיאן ווי שרון לעיק.

די טראנספארמאציע פון דעם ׳בראון סוואן׳ רעזארט ווערט געשטיצט דורך א 4.1 מיליאן דאלערדיגע גרענט דורך דער אָפסטעיט אויפלעבונג איניציאטיוו און וועט שאפן 26 פול-צייטיגע אייניגע דזשאָבס ביים ארט, אינאיינעם מיט זיבן סעזאנעלע פאסטנס. אין צוגאב, טוט דער פראיעקט זיך אויסגלייכן מיט׳ן ראיאן׳ס פלאץ-מאכן און ארבעטסקראפט סטראטעגיעס דורך דינען אלס א קאמיוניטי אנקער; פייערן ראיאנישע היסטאריע און ארכיטעקטור; און שאפן צוטריטליכע באשעפטיגונג געלעגנהייטן פאר איינוואוינער.

**נארט קאנטרי ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל מיט-פארזיצער דזשעימס מעקענע האט געזאגט,** ״די ווידער-אנטוויקלונג פון דעם ׳בראון סוואן׳ רעזארט ווערט אוועקגעשטעלט פאר ערפאלג. דער רעזארט׳ס נאענטקייט צו דעם אדיראנדעק נאָרטוועי (I87), אינאיינעם מיט די קליין-שטעטלדיגע חן פון שרון לעיק און די אינדרויסנדיגע פארוויילונגס געלעגנהייטן פון די אדיראנדעק פארק וועלן אוועקשטעלן א נייע גאנץ-יעריגע דעסטינאציע וואס וועט טרייבן עקאנאמישע וואוקס און נייע דזשאָבס. דער דאזיגער פראיעקט איז גוט צוגעפאסט אינערהאלב NCREDC׳ס פלאן און מיר קוקן ארויס צו איר גרענד אָופענינג.״

**סטעיט סענאטאר דעניעל סטעק האט געזאגט,** ״אויפלעבן דעם עקזיסטירנדן ׳בראון סוואן׳ קלוב אויף א רעזארט איז געוואונשענע נייעס פאר שרון לעיק און די ארומיגע קאמיוניטיס. דער 4.1 מיליאן דאלערדיגן גרענט פון די אָפסטעיט אויפלעבונג איניציאטיוו פאָנד וועט זיין קריטיש-וויכטיג אין העלפן שאפן גוט באצאלטע דזשאָבס אט דאהי און העלפן טראנספארמירן די רעזארט שטח אויף אן ערשטראנקיגע טוריסט דעסטינאציע און מאכן וואקסן אונזער ארטיגער עקאנאמיע.״

**אסעמבלי-מיטגליד מעטיו סימפסאן האט געזאגט,** ״עס פריידט מיך זייער צו זען אז נייע לעבן ווערט געגעבן צום ׳בראון סוואן׳ קלוב און די נייעס אז דער באנאציא פאמיליע שטייט פון הינטער דעם ברענגט

א ריזיגע מאס קאנפידענץ אז דאס וועט זיין א רענאוואציע און ווידער-צוועקונג וואס וועט געטון ווערן ווי עס דארף צו זיין.  אלס אן איינוואוינער פון ברענט לעיק, זענען די שרון לעיק קאמיוניטי ווירקליך וואונדערבארע שכנים וועלכע וועלן אויפנעמען דער אנטוויקלונג מיט אפענע ארעמעס און צושטעלן צו גרעסטע מאס גאסט-פריינטליכקייט צו דער באנאציא פאמיליע, האי קריעק האטעלס, און די פילע באזוכער זיי וועלן העלפן ברענגען צום געגנט. איך אפלאדיר גאווערנער האוקול און דער נארט קאנטרי ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל פאר'ן זען די ווערד און פאטענציעל פון דעם פראיעקט ווי אויך דאס גלויבן אין די ארומיגע קאמיוניטי'ס לאנג-טערמיניגע פעאיגקייט צו שטיצן דעם 'בראון סוואן' רעזארט און דורכדעם ערמעגליכן פאר אלע פארמישט צו האבן די געלעגנהייט ארויסצוווייזן די גרויסע מעלות פון וואס פובליק-פריוואטע צוזאמארבעט קען ברענגען צו קאמיוניטיס לענגאויס די נארט קאנטרי און לענגאויס דעם סטעיט.״

**טאון אָוו שרון סופערווייזער מעג וואוד האט געזאגט,** ״שרון לעיק האט זיך געהאלטן צו איר לאנג-יעריגע שם אלס א שטילע, פאמיליע אריענטירטע דעסטינאציע פאר באזוכער צו געניסן פון אלע-סעזאנען פארוויילונג און עקספלאראציע אין דעם אדיראנדעק פארק.  דער ארגינעלער 'בראון סוואן' קלוב האט געטראגן דעם רויען עלעגאנץ פון די 19'טע יארהונדערט לעיק-פארנט האטעלס וווייט אריין אין דעם מיטל 20'סטער יארהונדערט.  שרון איינוואוינער פרייען זיך צו וויסן אז די היסטאריע און כאראקטער פון אונזער טאון און די אדיראנדעק ראיאן וועט זיין א טייל פון דעם פראיעקט.״

**איבער ״עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט״**

'עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט' (ESD) איז ניו יארק'ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור. דער מיסיע פון ESD איז צו שטיצן און אנטערהייבן אן אויפגעלעבטע און וואקסנדער עקאנאמיע, דערמוטיגן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן, העכערן איינקונפט פאר'ן סטעיט און אירע מוניציפאליטעטן, און דערגרייכן סטאבילע און אויסגעברייטערטע ארטיגע עקאנאמיעס. דורך ניצן לאָונס, גרענטס, טעקס קרעדיטס און אנדערע סארטן פינאנציעלע הילף, שטרעבט ESD צו פארבעסערן פריוואטע ביזנעס אינוועסטירונג און וואוקס צו טרייבן דזשאב שאפן און שטיצן בליענדע קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק סטעיט. ESD איז אויך דער הויפט אדמיניסטראטיווע אגענטור וואס טוט אויפזען איבער די ניו יארק סטעיט ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס און די מארקעטינג פון ״איי לאָוו ניו יארק״, דער סטעיט'ס איקאנישער טוריזם ברענד. פאר מער אינפארמאציע איבער ראיאנישע קאונסילס און 'עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט', ביטע באזוכט www.regionalcouncils.ny.gov און www.esd.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן